Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 114 (1120) | Łódź, Wtorek 24 Maja 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאָדז דינסטאג כב אייר תרפ"ז. | Nr. 114 (1120)

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאָדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

# אונטערגעצונדען א יודיש טעאטער אין רומעניען

## בעת דער פארשטעלונג צינדען כוליגאנעם אונטער דאס טעאטער און ווארפען מיט שטיינער אויפ'ן פובליקום און ארטיסטען, וועלכע ראטעווען זיך פון די פלאמען

## אקציע פון די ענגלישע יודען געגען די יודען-רדיפות אין רומעניען

בוקארעשט, 23 (י.ט.א. טעלעגראפיש) אין דער שטאט נאחוי חאראד איז טראנס-לחאניא האבען דעם פאר'גען שבת רומענישע כוליגאנעם אפגעטאן פאלגענדע גרויזאמען פערברעכען:

אין איינעם פון די ארטיגע טעאטער'ס האט שבת געשפילט די היל נער טרופע. אין מיטען דער פארשטעלונג, האט זיך דערהערט א געשריי: ס'ברענט! און כהרף עין איז דער טעאטער-בנין געשטאנען אין פלאמען.

די פלוצלינגע שרפה האט צווישען די בעזוכער און ארטיסטען ארויסגערופען א אונבעשרייבליכע פאניק און אלע האבען זיך געלאָזען צו די אויסגענג זיך צו ראטעווען פון דעם ברענענדען בנין.

דרויסען זענען אבער געשטאנען א גרויסע צאהל כוליגאנעם, וועלכע האבען געווארפען שטיינער אויף די אלע, וועלכע האבען זיך ארויסגעראטעוועט פון די פלאמען. עס זענען פאראן זעהר פיל פערוואונדעטע.

עס שטעלט זיך ארויס, אז דעם טעאטער-בנין האבען אונטערגעצינדען א באנדע רומענישע כוליגאנעם.

אין דער זעלבער שטאט האט אויך א גרעסערע גרופע כוליגאנעם אין זעלבען שבת בעווארפען מיט שטיינער די ארטיגע סינאגאָגע און דאס הויז אין וועלכען עס וואוינט דער רב.

לאנדאן, 23 (י.ט.א. טעלעגראפיש) די ליגע פון די ענגלישע יודען האט אפגעהאלטען א פערזאמלונג אין וועלכע עס האבען זיך אויך בעטייליגט רעגינעלד ראטשילד און לוסיען וואלף.

אויפ'ן סדר היום איז געשטאנען די פראגע וועגען די יודען פערפאלגונגען אין רומעניען.

די פערזאמלונג האט אנגענומען א רעזאלוציע אין וועלכע עס ווערט שארף פראטעסטירט געגען דער רומענישער רעגירונג, וועלכע טאלערירט ביי זיך אין לאנד די רדיפות און עקסצעסען געגען יודען און נעהמט נישט אן קיין שום מיטלען צו שטערען די יודען-פיינדליכע אגיטאציע אין רומעניען.

צום סוף ווערט אין דער רעזאלוציע פערזיכערט, אז די ליגע וועט אנווענדען אלע מעגליכע מיטלען צו שטיצען ביי דער פעלקער-ליגע די שוץ-אקציע לטובת די רומענישע יודען.

אויף דער פערזאמלונג האבען איינינע רעדנער נענוי געשילדערט מיט פערשידענע פאקטען די פערפאלגונגען, וואס די יודישע בעפעלקערונג אין רומעניען לעבט איבער.

W dniu 22 maja 1927 roku rozstał się z tym światem

**Salomon Aron Kenigsberg**

**Radny m. Łodzi.**

W zmarłym tracimy zacnego obywatela i gorliwego współpracownika o nieskazitelnym charakterze.

**Rada Miejska m. Łodzi.**

755

מארגען, מיטוואך, דעם 25-טען מאי ד.י., 12 א זייגער מיטאג וועט אין דער שוהל ביי „לינת החולים" פאלודניאָווא 19 פארקומען

א הזכרה צו דער ערשטער יאהרצייט פון

**גאלדע זיידעמאן ז"ל**

צו וועלכער עס לאַדענט איין

די פערוואלטונג

פון „לינת החולים", לאָדז

759

**די בילינסטע קוועלע**

פון פערפומען, זייפען, פודער, געזיכטס-קרעמען, פערשידענע צאהן-פאסטעס פון די בעסטע אויסלענדישע פירמען איז צו בעקומען נור ביי דער האנדעלס-פירמע

**S. Buchwajc, Łódź**

Piotrkowska 22, tel. 31-43.

פער'צער'ט און טיף געבוינען טיילען מיר מיט, אז דער אומברחמנות'דיגער טויט האט ארויסגעריסען פון אונזערע רייהען איינעם פון אונזערע טיכטיגסטע און איבערגעבענסטע טוער, פערוואלטונגס-מיטגליד

**נ. ע. שלמה אהרן**

**קעניגסבערג**

זיין ליכטיג אנדענקען וועט ביי אונז בלייבען אין זכרון.

עהרע זיין אנדענקען!

**דער רעטונגס-קאמיטעט**

**אין לאָדז.**

753

